**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/22/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**באשיצן קאנסומער: גאווערנער HOCHUL נעמט זיך צו אויסנוצנדע איוווערדרעפט קאסטן וואס צילן נידריגע-איינקונפט ניו יארקער**

***אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס שלאגט פאר נייע רעגולאציעס צו צילן אויסנוצנדע קאסטן איינפירונגען בשעת'ן אנהאלטן צוטריט צו איוווערדרעפט סערוויסעס***

***טייל פון גאווערנער Hochul's 2025 סטעיט פון די סטעיט פארשלאג צו באשיצן קאנסומער און האלטן געלט אין די טאשן פון ניו יארקער***

אלס טייל פון גאווערנער Hochul's (האקול) לעצטיג אנטפלעקטע 2025 סטעיט פון די סטעיט, האט געווערנער Hochul (האקול) היינט געמאלדן אז די אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services, DFS) האט ארויפגעשטעלט [פארגעשלאגענע רעגולאציעס](#) צו פארבעסערן קאנסומער באשיצונגען קעגן אומ'יושר'דיגע איוווערדרעפט קאסטן. די רעגולאציעס פארזיכערן אז קאנסומער וועלן מער נישט טראגן די עול פון איוווערדרעפט קאסטן פאר קליינע טראנזאקציעס, און פארלאנגט פון בענק צו צושטעלן צייטליכע מעלדונגען פאר קאנסומער ווען איוווערדרעפט קאסטן צו פארבעסערן דורכזיכטיגקייט.

"מיט באהאלטענע קאסטן און אומ'יושר'דיגע איינפירונגען, איז עס געווארן שווערער און שווערער פאר שווער-ארבעטנדע ניו יארקער צו קענען מיטהאלטן," **האט געזאגט גאווערנער Hochul (האקול).** "עס איז צייט אז מיר האלטן בענק פאראנטווארטליך און פארגרינגערן די עול פון הויכע איוווערדרעפט קאסטן פאר קליינע טראנזאקציעס צו האלטן די שווער פארדינטע געלט פון ניו יארקער אין זייער טאשן."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס סופעראינטענדענט Adrienne Harris (אדריען הערים) האט געזאגט,** "א געזונטע מארקעט וואקסט ווען קאנסומער גלייבן און האבן צוטריט אין די פראדוקטן צוגעשטעלט און אין די פראוויידערס וואס שטעלן זיי צו. די היינטיגע פארגעשלאגעטע רעגולאציע פארזיכערט אז קאנסומער וועלן מער נישט דארפן באצאלן אומערווארטערטע און אומ'יושר'דיגע הויכע קאסטן פאר די איוווערדרעפט סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט מיט זייער באנק אקאונטס."

די פארגעשלאגטע רעגולאציעס ווערן פטור פון די מערסט אוסנוצנדע און פאפערישע באנק קאסטן, שטעלט א מאקסימום אויף איוווערדרעפט קאסטן, פארשטערקערט קאסטומער קאמיוניקאציע און שטעלט אוועק שטרענגערער טראנזאקציע פראצעסירונג פארלאנגען. סטעיט-טשארטערד בענק וועלן זיין פארבאטן פון:

- בעטן פאר אויוועררדרעפט צאלונגען פאר אויוועררדרעפטס פון ווייניגער ווי 20 דאלאר.
- בעטן פאר אויוועררדרעפט צאלונגען וואס זענען מער ווי די סומע פון די אויוועררדרעפט.
- בעטן פאר מער ווי דריי אויוועררדרעפט אדער 'נישט-גענוג געלט' (non-sufficient funds, NSF) צאלונגען פאר איין קאנסומער אקאונט אין איין טאג.
- בעטן פאר NSF צאלונגען פאר עלעקטראנישע טראנזאקציעס וואס זענען גלייך אפגעזאגט געווארן.
- בעטן פאר אפאר NSF אדער אויוועררדרעפט צאלונגען פאר די זעלבע טראנזאקציע, אריינגערעכנט ווען א פארקויפער פראבירט נאכאמאל דורצופירן אן אפגעזאגטע טראנזאקציע.
- בעטן פאר אן "אנגעהאלטענע," "אנגייענדע," אדער "טעגליכע" צאלונג פאר יעדער טאג וואס אן אויוועררדרעפט באלאנס ווערט נישט אפגעצאלט.
- בעטן פאר דאפלטע צאלונגען צו דעקן אן אויוועררדרעפט, צום ביישפיל אן איינמאליגע צאלונג פאר'ן אטאמאטיש אריבערפירן געלטער פון איין אקאונט און א צווייטע צאלונג פאר די אויוועררדרעפט זעלבסט.
- פראצעסירן אן עלעקטראנישע דעביט טראנזאקציע אויף אן אופן געאייגנט צו ארויסבאקומען די מערסטע אויוועררדרעפט און NSF צאלונגען וואס איז שייך.
- בעטן פאר אן אויוועררדרעפט צאלונג פאר אן עלעקטראנישע טראנזאקציע ווען די קאסטומער'ס אקאונט האט געוויזן אז עס איז פארהאן גענוג געלט אין די צייט ווען מען האט געמאכט די טראנזאקציע.

אין 2022, האט די אפטיילונג פון פינאנציעלע סערוויסעס גענומען שריט אויפצואוואכן אינסטיטוציעס איבער זייער ערווארטונגען ארום אומ'יושר'דיגע אויוועררדרעפט און NSF קאסטן איינפירונגען, פיל מאל באקאנט אלס "דשאנק קאסטן," וואס טוען אומ'יושר'דיג שעדיגן נידריגע און מעסיגע איינקונפט ניו יארקער.

אין 2023, האט די ניו יארק סטעיט לעגיסלעיטשער דורכגעפירט, און גאווערנאר Hochul (האקול) האט אריינגעחתמ'עט אין געזעץ, לעגיסלאציע וואס שענקט DFS מער אטאריטעט צו באקאמפן אומ'יושר'דיגע באנק קאסטן איינפירונגען. די גאווערנאר'ס עפארדעביליטי אגענדע איז געצילט צו פארגרינגערן די פינאנציעלע עול פון ניו יארקער דורך אדרעסירן אומ'יושר'דיגע איינפירונגען און פארזיכערן דורכזיכטיגקייט אין וויכטיגע סערוויסעס. פון באקעמפן איבערנצנדע קאסטן צו פארברייטערן צוטריט צו עפארדעבל האוזינג און טשיילד קעיר, בלייבט זי פארשפראכן צו שאפן א מער יושר'דיגע און עפארדעבל ניו יארק פאר אלע איינוואוינער.

די פארגעשלאגענע רעגולאציעס שפיגלען אפ DFS'ס דאטא געטריבענע צוגאנג צו פאליסי, נעמנדיג אין באטראכט די עקזיסטירנדע רעגולאציעס, מארקעט גאנג, די אפטיילונג'ס אייגענע אויוועררדרעפט שטודיע און שטארקע סטעיקהאלדער באטייליגונג. די אפטיילונג קוקט ארויס צו די ווייטערדיגע באטייליגונג פון וויכטיגע סטעיקהאלדערס אויף די וויכטיגע נושא דורך די פובליק קאמענטארן תקופה.

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) קאנסומער באשיצונגען פארשלאגן**

אלס טייל פון איר 2025 סטעיט פון די סטעיט, האט גאווערנאר Hochul (האקול) באפוילן די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס צו ארויסגעבן רעגולאציעס וואס צילן אויף איבערנצנדע באנק איינפירונגען בשעת'ן אנהאלטן צוטריט צו הויכע קוואליטעט באנקינג סערוויסעס. די רעגולאציעס וועלן פארבאטן קאסטן וואס צילן איבערצוניצן קאנסומער, שטעלן א מאקסימום אויף די צאל טעגליכע אויוועררדרעפט קאסטן, און פארבעסערן דורבזיכטיגקייט דורך צייטליכע מעלדונגען. די מאסנאמען וועלן באשיצן קאנסומערס און ערמעגליכן צוגענגליכע און אפארדעבל באנקינג סערוויסעס פאר אלע ניו יארקער.

גאווערנאר Hochul (האקול) האט פארגעשלאגן לעגיסלאציע צו פארלאנגען פון ריטעיל פארקויפער צו צושטעלן א מינימום פון 30-טעג צו צוריקברענגען פארשידענע פראדוקטן חוץ אויב עס איז קלאר ארויסגעשריבן עפעס אנדערש. אין צוגאב, האט גאווערנאר Hochul (האקול) פארגעשלאגן ערשטע-אין-לאנד לעגיסלאציע וואס פארלאנגט פון ביזנעסער צו מעלדן אנליין איינקויפער ווען פרייזן ווערן באשטימט לויט זייער פערזענליכע אינפארמאציע. צו נאכמער באשיצן קאנסומער, האט גאווערנאר Hochul (האקול) פארגעשלאגן נאך לעגיסלאציע צו פארזיכערן אז קענסעלעישען פראצעדורן זענען איינפאך, דורכזיכטיג, און יושר'דיג, פארזיכערנדיג אז עס איז פונקט אזוי גרינג אפצוזאגן א סובסקריפשאן ווי עס איז געווען זיך איינצושרייבן. גאווערנאר Hochul (האקול) האט אויך פארגעשלאגן לעגיסלאציע צו וועקשטעלן א לייסענסינג און אויפזיכט פרעימווארק פאר 'קויף יעצט באצאל שפעטער' פראוויידערס. צו אדרעסירן דאס אז ענערגיע סערוויס קאמפעניס (Energy Service Companies, ESCO) ווערן נישט פארלאנגט צו צוריקגעבן געלטער וואס זענען נישט גע'קלעימ'ד געווארן פאר ניו יארקער איינוואוינער, טוט גאווערנאר Hochul (האקול) פארשלאגן לעגיסלאציע צו פארזיכערן אז oESCO זענען איסגעשטעלט צו די זעלבע פאדערונגען ווי יוטיליטי פירמעס. צו באקעמפן די איסניצונג פון די עלטערע געמיינדע, טוט גאווערנאר Hochul (האקול) זוכן לעגיסלאציע צו העלפן באשיצן קעגן שווינדלערישע אקטיוויטעט דורך צושטעלן מער אטאריטעט פאר בענק און אנדערע אינסטיטוציעס אפצושטעלן געוויסע פארדעכטיגטע טראנזאקציעס און פארלאנגען די באריכטונג פון פארדעכטיגטע איסנוץ און שווינדל פאר געזעץ ענפארסירונג און ערוואקסענע שיץ סערוויסעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן